# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



פ' בראשית
תשפ"ב לפ"ק
גליון ק"ג

## פראגע

**וויאזוי קען מען זיך איבערצייגן אז דער אויבערשטער פירט די וועלט? אפשר האט ער עס סתם באשאפן און ער לאזט עס לויפן אין א נאטורליכער וועג?**

## ענטפער:

דאס איז א גוטע שאלה, און דער ענטפער איז אז דער אויבערשטער וואס האט געקענט באשאפן אזא מעכטיגער יקום – איך רעדט נישט יעצט וועגן די גרויסקייט אין כמות, נאר אין איכות איז די וועלט אזוי קאמפליצירט – האט דערמיט דעמאנסטרירט אז ער איז **ענדלאז**, ווייל די חכמה וואס מיר זעען אין די בריאה איז אן קיין גבול.

אודאי איז די ווארט "אין סוף" א שווערע ווארט צו נוצן, אבער ווי ווייט מיר פארשטייען איז די חכמה פון די בריאה אן קיין סוף. אויב מען הייבט אויף סיי-וועלכע סייענס-בוך פון די לעצטערע יארן וועט מען זען אז דער מענטשליכער צעל ווערט געפארשט און עס האלט אין איין געמאכט ווערן מער און מער אנטדעקונגען, יעדע אנטדעקונג עפנט אויף נייע האריזאנטן. און וואס מיר זעען איז אזוי קאמפליצירט און אזוי צוועקפול אז ווי ווייט מיר קענען משיג זיין איז דעם אויבערשטנ'ס חכמה ענדלאז.

און דערפאר, א בורא מיט ענדלאזע חכמה וואלט זיכער נישט באשאפן א וועלט, א בריאה, און אריינגעלייגט אין איר אזוי פיל חכמה און דאן באשלאסן צו פארגעסן דערפון און עס לאזן לויפן אין כאאס, ח"ו.

וועגן דעם איז עס איינס פון די יסודות פון שכל הישר אז די וועלט איז באשאפן געווארן דורך א בורא מיט ענדלאזע חכמה און ווערט געפירט מיט די זעלבע ענדלאזע חכמה.

## פראגע

**וואס איז פשט פונעם מאמר חז"ל אז וועגן דעם איז אדם הראשון באשאפן געווארן אליינס, ווייל יעדער מענטש זאל זאגן "בשבילי נברא העולם" - אז די וועלט איז באשאפן געווארן פאר אים אליינס?**

## ענטפער:

עס מיינט ווי פאלגענד: ווען איר זעט די זון, דארפט איר דאנקען דעם אויבערשטן ווי גלייך ער האט געמאכט די זון פאר אייך אליינס. שטעלט אייך פאר אז דער אויבערשטער האט באשאפן די זון בלויז פאר אייך, וואס וואלט איר געטון? איר וואלט געגאנגען **ווילד** יעדן אינדערפרי! דאס איז וואס איר דארפט צו טון.

און אין פאל איר ווייסט נישט דערוועגן, זאגן מיר "נקדש את שמך בעולם כשם שמקדישים בשמי מרום" – מיר דארפן נאכפאלגן די דוגמא פון די מלאכים. וואס טוען די מלאכים? "על מאורי אור שיצרת המה יפארוך סלה", די מלאכים זענען אינגאנצן איבערגענומען פון די זון. מיר דארפן טון די זעלבע זאך; "כשם", פונקט ווי זיי טוען. מיר דארפן אויך ווערן גענצליך איבערגענומען פון די זון. די זון איז געמאכט פאר **דיר**, בלויז פאר דיר אליינס.

ווען די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים – 2 מיליאן מענטשן זענען ארויסגעגאנגען – און דאך זאגן מיר "בעבור זה **עשה** ה' **לי** בצאתי ממצרים" – ער האט עס געטון **פאר מיר**. ער האט עס געטון פאר דיר אליין? יא! יעדער איז איז מחויב צו טראכטן אז עס איז פאר מיר אליינס. די וועלט איז געמאכט פאר דיר, די לופט איז געמאכט פאר דיר, די לבנה איז פאר דיר, און יעדער איד דארף אזוי שפירן, ער דארף דאנקען הקב"ה פאר אלע זאכן וואס איז דא אויף דער וועלט. דאס מיינט "בשבילי נברא העולם" – די

וועלט איז געמאכט פאר מיר.

נאך א געדאנק איז: אויב מען לעבט אן קיין תכלית, מען טוט גארנישט אויף דער וועלט, פארפאטשקעט מען די גאנצע וועלט. "לפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם" – די רשעים רואינירן די וועלט. וויאזוי רואינירן זיי עס? ווייל די וועלט איז באשאפן געווארן פאר א צוועק, און מענטשן וואס ערררייכן נישט דעם צוועק, זאגט דער אויבערשטער: קוק, איך האב באשאפן די וועלט פאר א תכלית, און אז דו האסט נישט געטון מיט די וועלט וואס דו האסט געדארפט צו טון איז די גאנצע וועלט סתם פארפאטשקעט געווארן.

וועט איר זאגן, עס איז נישט פאר גארנישט... קוק וויפיל אנדערע מענטשן זענען דא אויף דער וועלט וואס נוצן איר יא אויס. ניין, זאגט דער אויבערשטער; איך האב עס געמאכט פאר דיר. און אויב האסטו נישט געמאכט נוצן פון דער וועלט, ווערסטו געהאלטן אחריות פאר א גאנצע וועלט.

**פראגע**

## וויאזוי קען א מענטש שטייגן אין אהבת השם אויב ער איז איבערגענומען מיט טרויער צוליב דעם וואס עס איז אים ל"ע געבוירן א קינד וואס איז נישט מיט אלעמען?

## ענטפער:

אויב עמיצער האט אייך געגעבן א פאלאץ פול מיט טייערע מעבל און ער האט אייך אויך געגעבן א גרויסע באנק אקאונט, און אויך ווערדפולע סטאקס. ער האט אייך געשאנקען א הויז פול מיט אנטיקן, אומשאצבארע מאלערייען (איך גלייב נישט אין קיין מאלערייען, אבער לאמיר זאגן ער האט דיר עס יא געגעבן...)

און דא אינמיטן דעם פאלאץ האט א פייפ געפלאצט און עס איז אראפגערינען צום אונטערשטן שטאק און חרוב געמאכט די דיינינג רום; עס האט חרוב געמאכט די טעפיכער און ווענט.

וואס גייט איר טון? וועט איר גיין זאגן פאר דעם מענטש וואס האט אייך געגעבן דעם פאלאץ, "קוק וואס דו האסט געטון צו מיר! האסט מיר געגעבן א שוואכע פייפ און עס האט חרוב געמאכט מיין דיינינג רום!"

טאמער יא, וועט ער זאגן, "מסכים. אויב דו דארפסט עס נישט קענסטו מיר צוריקגעבן דעם פאלאץ. געב מיר צוריק די אינוועסמענטס, געב צוריק די צירונגען. געב אלעס צוריק און דו וועסט נישט האבן מער קיין טענות קעגן מיר."

אלזא, דער אויבערשטער זאגט, "איך האב דיר געגעבן א קינד? האב איך דיר דען נישט געגעבן דיין אייגענעם קערפער? ביזטו נארמאל? איז דיין ווייב נארמאל? וואס טוט זיך מיט'ן זיין פריילך פאר דעם? ווער זאגט אז דו דארפסט האבן נארמאלע קינדער? איך בין דיר עפעס מחויב? בלויז וויבאלד איין קינד איז נישט מסודר קענסטו שוין איגנארירן אלעס וואס איך האב דיר געגעבן?"

יעצט נאך א זאך: לאמיר זאגן אז דער מענטש וואס האט אזא קינד, שפירט מיטאמאל אז ער האט עפעס א געוויקס ערגעץ אויף זיין קערפער, און אומגעוואונטשענער געוויקס, און ער איז זייער באזארגט. ער גייט צו א ספעציאליסט וואס אונטערזוכט אים, און ער זאגט "איך האב מורא אז מען וועט דארפן עפעס טון דערוועגן."

יעצט גייט ער אהיים און ער האט צווֵיי זאכן: ער האט דעם נישט געזונטן קינד און ער האט א געוויקס. און ער איז זייער שטארק באזארגט וועגן דעם געוויקס. און דאן גייט ער נאכאמאל צום ספעציאליסט און ער מאכט א טעסט און דער ספעציאליסט רופט אים צוריק אין זיין אפיס און זאגט אים, "אנטשולדיגט, אבער עס פעלט דיר גארנישט..."

יעצט גייט ער אהיים און ער שפאנט אין די לופטן. ער איז אזוי פריילך אז ער ווייסט נישט וואס צו טון! קומט אויס אז דער פאקט אז ער איז געווארן בארואיגט וועגן דעם געוויקס איז אזא שמחה אז יעצט אויפ'ן מאמענט שפירט ער נישט ברוגז וועגן די מצב פון זיין קינד.

אלזא, איר האט נישט קיין שום געוויקס; איר לעבט א נארמאלע לעבן. דער אויבערשטער שויערט אויף אייך הונדערטער און טויזנטער טובות און חסדים; עס זענען דא אזויפיל שוועריקייטן וואס מענטשן מאכן מיט אויף דער וועלט וואס איר האט נישט. איז בלויז וויבאלד איין קינד איז נעבעך נישט אין ארדענונג קענט איר שוין נישט ליב האבן דעם אויבערשטן? עס וואלט געווען א גרויסע כפיית טובה אז צוליב דעם געפלאצטן פייפ וועט איר נישט דאנקען דעם מענטש וואס האט אייך געגעבן דעם גאנצן פאלאץ. און דערפאר האט קיינער נישט קיין סיבה צו זיין אומדאנקבאר צו השי"ת, און די מצוה פון אהבת השם איז מעגליך אין סיי וועלכן מצב אין לעבן. (# 440)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעכאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
**ארויס פון דרוק!**




אידיש!

## פרישע הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב